# צום פינטל

גליון סז
פרשת תרומה תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

מלאכת מחשבת - מלאכה ותיקון

### מלאכה מיט די משכן

די ל"ט מלאכות שבת לערנט מען ארויס פון די ל"ט מלאכות פון די משכן, איז לאמיר אביסל דורך טון די גדר פון א 'מלאכה', פון ווי ווייסט מען וואס הייסט א 'מלאכה', צו ווייסט מען דאס פון די 'משכן', 'נסמכה שבת למלאכת המשכן', אדער די גדר פון 'מלאכה' קומט פון די מציאות העולם, דאס וואס אין מציאות העולם הייסט א 'מלאכה', דאס הייסט אויך א 'מלאכה' שבת.

אין מסכת שבת (מט ע"ב) פרעגט די גמרא פון ווי ווייסט מען די ל"ט מלאכות שבת, איינער לערנט עס ארויס פון די ל"ט מלאכות פון די משכן, און דער אנדערע לערנט עס ארויס פון ל"ט לשונות פון 'מלאכה' אין די תורה, און אין ירושלמי איז דא נאך עטליכע לימודים פון ווי ארויס צו לערנען די ל"ט מלאכות.

אלע ראשונים פרעגען (תוס' רמב"ן רשב"א) אויב מ'לערנט נישט אראפ 'מלאכה' פון די משכן נאר פון ל"ט לשונות פון מלאכה אין די תורה, איז פון ווי ווייסט מען בכלל וואס ארייצוליינן אין כלל פון 'מלאכה', פון ווי ווייסט מען וואס הייסט א 'מלאכה' און וואס נישט. און די ראשונים גייען אז 'אין הכי נמי' ס'מוז זיין אז אפילו לויט יענע 'מאן דאמר' מוז מען אויך צוקומען צו די משכן, די משכן איז דער עיקר מקור פאר די ל"ט מלאכות און אויך צו וויסן וואס הייסט א מלאכה בכלל.

ס'איז געווען א דבר פשוט פאר אלע ראשונים אז נאר דער 'משכן' איז די מקור מגדיר צו זיין וואס הייסט א 'מלאכה', די הגדרה פון 'מלאכה', וועלכע זאכן זענען בכלל 'מלאכה' און וועלכע זאכן נישט, דאס אלעס וויס איך נאר פון די משכן.

דאס איז די כללות'דיגע מהלך אין די ראשונים, אבער לויט דעם דארף מען פארשטיין, די איסור מלאכה אין שבת האט מען דאך באקומען גלייך נאך יציאת מצרים, ווען מ'איז נאך געווען אין 'מרה' (אין חודש ניסן), און די 'בנין המשכן' איז דאך געווען אסאך שפעטער (ערשט 'יום כיפור' ווען משה רבינו איז אראפגעקומען מבשר צו זיין אז די חטא העג' איז נמחל געווארן, און ער האט זיי מודיע געווען אז מ'גייט בויען א משכן). איז וואס האט געמיינט 'מלאכה' ווען מ'איז נאך געווען אין 'מרה', וואס האט געמיינט 'מלאכה' ווען מ'האט נאכנישט געוויסט פון די ל"ט מלאכות פון די משכן?

> **פארדעם האט מען נישט געהאט קיין גוטע וועג פאר 'חרישה', און פון נח'ס צייטן און ווייטער איז די וועלט געווארן מסודר מיט א גוטע 'מחרישה'**

און בכלל דארף מען פארשטיין, וואס מיינט דאס אז 'מלאכות' ווייסט מען פון די משכן, צו דען האט נישט עקזעסטירט די מושג 'מלאכה' ביפאר די משכן, גוים ווייסן דען נישט פון די מושג 'מלאכה', די מושג 'מלאכה' איז דאך דא זונט ששת ימי בראשית, איז וואס האט זיך געטוישט נאך דעם וואס מ'לערנט ארויס 'מלאכה' פון די משכן, וואס איז די נקודה אז די 'מלאכות' לערנט מען ארויס פון די משכן, וואס פעלט אין דעם עצםווארט 'מלאכה' וואס די תורה זאגט?

די אחרונים זאגן אז באמת דער רמב"ם האלט טאקע אז די עצם מושג 'מלאכה' האט נישט מיט די משכן, דער רמב"ם האט א אנדערע מהלך פון די אלע ראשונים, אין עטליכע פלעצער אין הלכות שבת קומט אויס פונעם רמב"ם אז די מושג 'מלאכה' איז נישט געבונדן דוקא מיט די משכן, די מושג 'מלאכה' מיינט א אומנות'דיגע 'מלאכה', א חשובע מלאכה, א מלאכה וואס איז ממלא די צרכי האדם. און פון די משכן לערנט מען נאר ארויס די סכום פון ל"ט, וועלכע מלאכה זאל שטיין בראש אלץ איינער פון די 'אבות', און וועלכע מלאכות זאלן זיין פון די 'תולדות', אבער די עצם מושג 'מלאכה' האט נישט גארנישט מיט די 'משכן' צו טון.

### מלאכה ותיקון

ס'איז דא 'מלאכת עבודה' און ס'איז דא 'מלאכת מחשבת', שבת ווייסט מען אז 'מלאכת מחשבת אסרה תורה', שבת דארף זיין א מלאכה וואס דארף מחשבה, מ'דארף א גאנצע צייט האלטן פאוקעס אז די מלאכה זאל ארויס ברענגען איר תכלית, ממלא צו זיין די צרכי האדם. און ס'איז מבואר אין מלבי"ם (אילת השחר) אז דאס ליגט אין די עצם ווארט 'מלאכה' - אויב ס'שטייט נישט 'מלאכת עבודה' - מיינט דאס א מלאכה מיט א תכלית, א אמנות'דיגע און חשובע מלאכה.

און די דאזיגע מושג פון 'מלאכה' איז געווען אין אלע צייטען, מאכן א 'תיקון' אין א 'חפצא', ברענגען רויע מאטריאל צו א 'צורה' וואס זאל משלים זיין די צרכי האדם, ברענגען דעם 'חומר' צו זיין נעקסטע שלב, צו זיין נעקסטע לעוועל, ביז די תכלית הסופי וואס ער איז גרייט פאר די צרכים פונעם מענטש.

די נקודה האט גארנישט מיט די 'משכן' צו טון, דאס ליגט אין די עצם הבנה פון די ווארט 'מלאכה', אנגעפאנגען פון ששת ימי בראשית איז די ציל פונעם מענטש געווען צו נעמען רויע מאטריאל און עס ברענגען צו א 'תיקון' פאר די צרכי

המשך בעמוד הבא

האדם, און דאס האט געמיינט אלע מאל 'מלאכה', 'מלאכה' איז אלעמאל געווען די שפיץ זאך וואס דער מענטש האט עוסק געווען אין דעם טאג און נאכט, זוכענדיג ווי ער קען ברענגען נאך רויע מאטריאל פאר די באנוץ פונעם מענטש.

און דאס האט אויך געמיינט 'מלאכה' ווען מ'איז נאך געווען אין 'מרה', נאר שפעטער ווען מ'איז נצטווה געווארן מיט די 'בנין המשכן' און שבת איז 'נסמכה' געווארן צו 'מלאכת המשכן', זענען די 'מלאכות' מסודר געווארן אויף די פונקטליכע מספר פון ל"ט, אונז דאס וואס אונז האבן מקבל געווען למשה מסיני אז די מלאכות שבת זענען ל"ט מלאכות יעדער לשיטתו, צו מ'לערנט עס ארויס פון די סמיכת צו די משכן, אדער מ'לערנט עס ארויס פון די לשונות פון 'מלאכה' אין די תורה, אדער איינער פון די אנדערע וועגען וואס איז דא אין דעם.

## מלאכה לפי דרך העולם

נאך א מהלך איז דא וויאזוי צו מגדיר זיין וואס הייסט א 'מלאכה', אָן דעם וואס ס'זאל האבן א שייכות מיט די משכן, און דאס איז דורכן אפשאצן די 'דרך העולם'.

פון די שטערקטסע יסודות אין הלכות שבת איז די ענין פון 'דרך העולם', לא מבעיא די ענין פון 'שינוי' וואס קומט כסדר אריין אין גאנץ הלכות שבת, נאר אסאך מער פון דעם, די גאנצע מהות פון אלע ל"ט מלאכות בויט זיך פון די 'דרך העולם', ענדליך ווי די גמרא דריקט זיך אויס (שבת צד) 'וכי דרך טויה בכך וכי דרך כתיבה בכך וכי דרך אריגה בכך', דאס איז נישט נאר א שינוי, דאס איז די גאנצע מהות פון א מלאכה אז ס'בויט זיך לפי די 'דרך העולם'. פון ווי ווייסטו וואס א 'מלאכה' איז, די קוקסט וואס די עולם טוט צו ממלא זיין זייערע צרכים, פון דארט ווייסטו וואס א א מלאכה איז.

זורע איז א מלאכה ווייל דאס איז די 'דרך העולם' צו טון אויף צו באקומען ברויט, און אזוי ווייטער חורש וכו', אלע עלעף מלאכות פון 'סידורא דפת', אלע עלעף וואס זענען ממלא די צורכי האדם פון עסן. און די זעלבע זאך ביי די דרייצן מלאכות פון בגדים, אלע מלאכות ארום די צמר, אלעס איז לפי די דרך העולם, 'בתי נירין' איז א מלאכה ווייל דאס איז די סדר וויאזוי מענטשן זענען 'אורג', אפילו מ'קען אורג זיין אויך אָן 'בתי נירין', און מסתם בתחלת הבריאה איז טאקע אזוי געווען, נישט אלעמאל איז געווען 'בתי נירין', אבער איינמאל דאס איז געווארן די 'דרך העולם', דאס איז די דרך וויאזוי מ'איז אורג, איז 'בתי נירין' געווארן א מלאכה ווי אלע מלאכות, די דרך העולם איז דער וואס איז קובע וואס מיינט א מלאכה.

ס'איז ידוע די ווערטער פונעם הייליגן קובץ שיעורים אין כתובות (דף ס ע"א) וואס ער איז מאריך אין די יסוד פון 'דרך' אין די תורה הקדושה בכלל, און במיוחד ביי הלכות שבת, "דכל דיני התורה נאמרו כפי הרגיל וכו', דזה תלוי הכל לפי הזמן ולפי המקום, כגון במלאכת שבת, דהמוציא במרפקו פטור מפני שאינו כדרך הוצאה בחול וכו'". די וועג וויאזוי מ'מעסט א 'מלאכה' איז מיט 'דרך העולם', לפי וואס די וועלט האט ארויס געשטעלט אלץ א חשובע מלאכה וואס ברענגט די ריכטיגע נוצן פאר די מענטשהייט, דאס איז די גדר פון א 'מלאכה'. און אין 'מרה' האט דאס געקענט זיין די מהלך צו וויסן וואס א מלאכה איז, פשוט דורכן קוקן וועלכע מלאכות איז די סדר צו טון אונדערוואכן, וועלכע מלאכות זענען חשוב, און פון די מלאכות איז מען שובת שבת קודש.

## נסמכה שבת למלאכת המשכן

שפעטער האט דער אייבישטער געהייסן בויען א משכן, אינדערוואכן האט מען געבויט די משכן, און שבת קודש האט מען שובת געווען פון די מלאכות פון די משכן, מלאכת שבת איז 'נסמכה' צו 'מלאכת המשכן', ס'איז 'נסמכה' סיי אין די מציאות, אינדערוואכן האט מען געטון מלאכות פאר די משכן, און אין שבת קודש האט מען גערוט פון די דאזיגע מלאכות, מ'האט גערוט פון די מלאכות פאר די משכן. און אזוי אויך איז עס 'נסמכה' אין די תורה אין פרשת ויקהל.

מיט די מלאכת המשכן איז געווארן אוועקגעשטעלט ניין און דרייסיג מלאכות אז זיי זאלן בלייבן די יסוד פאר אלע מלאכות, אלע מלאכות קוקט מען צו ס'איז דומה צו די דאזיגע ניין און דרייסיג זאכן. 'הך דהוי במשכן חשיבא קרי ליה אב', דאס וואס איז געווען אין משכן חשוב, דאס בלייבט חשוב צו זען און מעסטן וואס ס'איז א אב און וואס ס'איז א תולדה, און בכלל צו שאצן וואס איז א מלאכה און וואס נישט.

נישט אז די משכן איז די יסוד בכלל אפצומאכן וואס איז א מלאכה איז, א מלאכה איז א מלאכה ווייל דאס איז זיין מציאות אין די וועלט, די משכן זאגט אונז נאר אז אלע שאלות וואס וועלן דיר אונטער קומען וועסטו דארפן קוקן לויט די דאזיגע ניין און דרייסיג מלאכות. די גייסט נישט אליינס קוקען אויף די 'דרך העולם', די גייסט נישט אליינס אפמאכן וואס איז בגדר 'מלאכה', די גייסט עס מעסטן לויט די דאזיגע ניין און דרייסיג מלאכות, וואס זיי קומען אויך בעצם פון די 'דרך העולם'.

## די כללים פון הלכות שבת

דער רמב"ם אין די ערשטע פרק פון הלכות שבת רעכנט אויס פארשידענע 'כללים', די עיקר כלל פון אלע איז 'מלאכת מחשבת אסרה תורה', מ'איז נאר חייב ווען די מלאכות פירן צו א 'תיקון', ווען די מלאכות פירען די 'מאטריאל' צו א חשוב'ערע דרגא, זיי ברענגען די מאטריאל אויפצוטון פאר די צרכים פון די מענטשהייט. דאס וואס טוט אויף פאר דיין אייגענע פרטיות'דיגע צרכים וואס ס'פעלט דיך יעצט אויס, דאס הייסט נישט קיין 'תיקון', א 'תיקון' הייסט נאר ווען די מלאכות באלאנגען פאר די מענטשהייט, ווען זיי זענען כאילו באשאפן געווארן פאר די תיקון פון די מענטשהייט, זיי זענען די כללות'דיגע צרכים און תיקונים וואס דער מענטשהייט בכלליות דארף האבן.

אלע ניין און דרייסיג מלאכות פירען אויפן וועג ארויף, די מענטשהייט האט דיזיינט (design) 'מלאכות' ארויס צו העלפן פאר די כלל האנושי, אלעס וואס פירט אויף אהין אויף ארויפצו, זיי זענען די מענטשהייט תיקונים, זיי זענען בגדר מלאכה. די מלאכות וואס פירען די פארקערטע דיירעקשענס (directions), די מלאכות פון מקלקל וואס פירען אויף אראפ, פארקערט פון די כללות'דיגע תיקונים, זיי זענען בהיפך פון די גאנצע מושג 'מלאכה' און מ'איז פטור.

די הלכה איז אז אויב די קלקול אז

המשך בעמוד האחרון

### תיקון ומכה בפטיש

היינט וועט מען רעדן א יסוד אין די ל"ט מלאכות שבת, וואס אבות און תולדות זענען, וויאזוי שטעלט מען צו די תולדות צו די אבות. און אויך א שטארקע יסוד אין די מלאכה פון מכה בפטיש און תיקון מנא.

ס'איז באקאנט די ירושלמי וואס שטעלט אוועק א שטארקע יסוד וואס איז דאס 'אבות ותולדות'. די ירושלמי פארציילט אז ר' יוחנן און ריש לקיש זענען געזעצען און דורך געטון שאלות אין הלכות שבת, אויף יעדער שאלה וואס ס'איז זיי אונטער געקומען, האבן זיי געזוכט אונטער וועלכע פון די 'אבות' ס'גייט אונטער פאלן. און די ירושלמי פארציילט אז אלע שאלות וואס זיי האבן נישט געטראפן אונטער וועלכע מלאכה דאס קען אונטער פאלן, האבן זיי עס אריינגעלייגט אונטער 'מכה בפטיש', 'מכה בפטיש' איז ווי א מלאכה כללי פאר אלע מלאכות.

משל למה הדבר דומה: שטעל דיך פאר אז ס'שטייען אסאך קינדער מיט זייערע טאטעס, די וויסט נישט וועלכע קינד געהער צו וועלכע טאטע, און די קענסט זיי נישט פרעגן ווער איז וועמענס טאטע, ווער איז וועמענס קינד, וואס איז די עצה אין אזא פאל, וויאזוי ווערט מען געוואר וועלכע קינד באלאנגט פאר וועלכע טאטע?

ס'איז דא א פשוטע עצה, נעם יעדעס קינד און גיי דורך מיט אים שטאטלעך אלע טאטעס, קוק דיך גוט איין צו וועלכע טאטע ער איז די מערסטע דומה, און אים קענסטו אננעמען אז ער איז זיין קינד.

דאס איז די עומק פון 'תולדות' ביי הלכות שבת, 'תולדותיהן כיוצא בהן' (בבא קמא דף ב ע"ב), מ'מעסט יעדער תולדה צו טרעפן עפעס א דמיון צו איינער פון די אבות מלאכות, אויב איז דא א דמיון מיינט דאס אז דאס איז זיין קינד, כאפ אָן א תולדה און גיי אריבער מיט אים דורך אלע אבות, קוק דיך גוט איין צו וועלכע פון די אבות איז ער די מערסטע דומה, און די קענסט זיין רואיג אז דאס איז זיין טאטע.

נישט קיין חילוק צו 'דמיון' צום טאטען איז מכח דעם וואס ער האט די זעלבע 'תכלית' ווי דעם טאטען, אדער ווייל די פעולה און די מעשה איז די זעלבע ווי די טאטע. געווענטליך ביי רוב 'תולדות' פון שבת וועט זייער דמיון זיין מכח די 'תכלית' זייערע, אבער אויך די דמיון וואס קומט מכח די פעולה און די מעשה וואס איז דומה, דאס איז אויך גענוג צו זיין א תולדה פון דעם אב (כידוע מהתפארת ישראל בכללות השבת אז ס'איז דא צוויי סארטן תולדות, בתכלית ובפעולה).

יעדער סארט דמיון וואס איך קען טרעפן, מיינט דאס אז ער איז די קינד פון דעם טאטען, אויב איך טרעף נישט קיין דמיון ערגעץ בעסער, איז מוכרח אז דאס איז זיין טאטע, ס'קען נישט זיין אז איינער אנדערשט, ווייל איך בין יעדן אדורך און צו קיינעם איז ער נישט געווען אזוי דומה ווי צו דיר, אפילו ס'איז נאר אביסל דומה, ס'איז נאר א קליינע דמיון צווישן די צוויי, סוף סוף איז מוכרח אז זיי זענען טאטע און זון. אזוויי ביים משל אפילו ער איז ווייט פון די אויסזען פון זיין טאטען, אבער היות דאס קינד באלאנגט זוכער צו איינע פון די טאטעס וואס געפונען זיך דא, וועל איך אים בהכרח צו שטעלן צו דאס וואס ער איז די מערסטע דומה, אפילו ער איז מורא'דיגע אנדערשט פון יענעם.

דאס איז די צוגאנג פון ירושלמי ביי די 'תולדות', ס'קומט אונטער שאלות אין הלכות שבת, די וויסט נישט צו וועם דאס מדמה צו זיין, זאגט דיר די ירושלמי אז יעדער שאלה איז מוכרח צו טרעפן א דמיון צו די ניין און דרייסיג טאטעס, און אויב די טרעפסט בשום אופן נישט צו וואס ס'זאל זיין גליך, וועל איך עס אונטער לייגן אונטער 'מכה בפטיש'. די עצם מושג וואס 'מלאכה' מיינט האט מען געוואוסט נאך פון פאר די משכן, אבער ביים משכן איז נתחדש געווארן א קלארקייט אין די מציאות, פון די משכן און ווייטער דארף איך נישט ארומלויפן און מעסטן, איך וויס זוכער אז איך דארף נאר זוכען צווישן די דאזיגע ניין און דרייסיג טאטעס, יעדער חשובע מלאכה, יעדער חשובע תיקון, דארף אונטער גיין אונטער די ניין און דרייסיג זאכן, עפעס אנדערשט איז נישט דא, אז די טרעפסט נישט ווי עס צו לייגן, וועט עס גיין אונטער 'מכה בפטיש' וואס איז די כללות'דיגע 'תיקון' אין די וועלט.

מ'זעט די לשונות פון חז"ל און די פוסקים אז די הגדרה פון 'מכה בפטיש' איז 'תיקון', זיי רופען אָן 'מכה בפטיש' מיט די נאמען 'תיקון מנא', כאטש וואס 'תיקון' איז די יסוד פון גאנץ הלכות שבת, אלע מלאכות איז די יסוד זיי צו ברענגען לידי תיקון, פון דעסטוועגען איז נאר 'מכה בפטיש' וואס ווערט אנגערופן סתם 'תיקון'. מכה בפטיש איז די כללות פון אלע תיקונים, יעדער 'תיקון' וואס איך טרעף נישט צו וואו צו צושטעלן, שטעלט מען עס צו צו 'מכה בפטיש'.

**קוק דיך גוט איין צו וועלכע טאטע ער איז די מערסטע דומה, און אים קענסטו אננעמען אז ער איז זיין קינד**

### סטרעפס

צו פארשטיין גוט די ירושלמי וועט מען נעמען א דוגמא פון א היינטיגע שאלה, די שאלה פון 'סטרעפס' (Straps), צו מען מעג שבת עפענען און פארמאכן די סטרעפס. איינער פון די היינטיגע שאלות איז 'סטרעפס', די פוסקים האבן שטארקע ספיקות צו וועלכע 'מלאכה' עס מדמה צו זיין, און לאמיר רעדן פון א פאל וואס דאס 'סטרעפס' ווערט גענוצט לקיימא, למשל א 'פלאמבער' וואס איז מחבר די פייפס אינעם דאַך מיט סטרעפס, וואס אויף אזא פאל זענען די 'סטרעפעס' זוכער א מלאכה און א תיקון, ס'האט זוכער א חשיבות פון א מלאכה, שטעלט זיך נאר די שאלה אונטער וועלכע פון די מלאכות דאס פאלט אריין.

אסאך ווילען מדמה זיין די 'סטרעפס' צו 'מלאכת קושר', די 'סטרעפס' אליינס זענען דאך ענדליך צו שטריקן (חבלים), און די ציינדלעך וואס כאפן זיך אריין און לאזט נישט זיך עפענען, זיי זענען ענדליך צו 'קושר'. אנדערע זאגן אז ס'באלאנגט אונטער 'מלאכת בונה', וואס איז די חילוק צו מ'איז מחבר צוויי זאכן דורך נעגלעך, אדער מ'איז זיי מחבר מיט 'סטרעפס', ווידער זענען דא וואס זאגן אז ס'איז די מערסטע דומה צו 'תופר', יעדער חיבור פון צוויי זאכן אָן א צורה פון א קשר, דארף צו אונטער פאלן אונטער 'תופר'.

איז לויט ווי מ'האט געשמועסט פון די ירושלמי וועט עס גיין אזוי, טאמער קען מען אפמאכן צו וואס ס'איז די מערסטע גליך, דאן וועט עס אונטער פאלן אונטער יענער פרטיות'דיגע מלאכה, אבער טאמער קען מען נישט אפמאכן, דאן וועט די שאלה פון 'סטרעפעס' אונטער גיין אונטער 'מכה בפטיש' און 'תיקון מנא'. 'מכה בפטיש' און 'תיקון מנא' איז כאילו ווי די טאטע פון אלע 'תיקונים' וואס האבן נישט קיין פונקטליכע הגדרה.

'על מנת לתקן' איז מען יא חייב, פוצע, קורע, סותר, כאטש זיי זענען מקלקלים, זיי פירן די זאך בארג אראפ, זיי פירן די זאך אוועק פון די כללות'דיגע תיקון, אבער היות זיי זענען 'על מנת לתקן' איז מען חייב, ווייל סוף כל סוף גייען זיי צו העלפן צו גיין אויף בארג ארויף, יעצט פירען זיי טאקע בארג אראפ, אבער די אראָפּ גייט נאכדעם העלפן צו גיין ארויף (ענדליך צו 'ירידה לצורך עליה' וואס שטייט אין חסידישע ספרים).

איינע פון די שטארקע כללים און הלכות שבת איז 'שינוי', אויב מ'איז משנה פון די 'דרך' וויאזוי מ'טוט געווענטליך די מלאכה איז מען פטור, די חשובות פון די מלאכות איז נאר ווען מ'טוט עס אויף די אויסגעטרעטענע וועג וויאזוי די וועלט טוט עס, אויף די אויסגעטרעטענע וועג וואס איז גוט פאר די מענטשהייט. כאטש וואס דער מענטש בפרטיות האט יעצט א נוצען צו גיין דוקא אנדערשט ווי די געווענטליכע וועג, אבער 'מלאכה' קוקט מען בכללות, אויף די כללות'דיגע און חשובע מהלך פאר די טובה פון די מענטשהייט.

נאך א כלל איז דא אין הלכות שבת, אז 'מלאכה שאינה צריכה לגופו' האלט ר' שמעון אז מ'איז פטור, תוס' זאגט אז דאס גייט לפי די 'צריכה לגופו' וואס איז געווען אין משכן, לפי די תכלית וואס מ'האט געדארפט האבן אין משכן. אז די וועסט אריינטראכטן וועסטו זען אז די תכלית פון די משכן איז באמת אויך די תכלית פון די גאנצע מענטשהייט, די משכן איז סך הכל צרכי דירה פאר די שכינה כביכול, און דאס איז ממש היינו הך, די מלאכות פאר די מענטשהייט איז בערך די זעלבע תכלית ווי די צרכי דירה כביכולביים משכן.

למשל, די הלכה איז אז א 'החופר גומא ואין צריך אלא לעפרה' איז א 'מלאכה שאינה צריכה לגופו', ווייל ווען די שטעלסט די צוויי תכלית'ן פאר דיינע אויגן, די תכלית פון א גומא וואס מ'פילט אָן, און א גומא וואס איך דארף נאר פאר די עפר, איז די תכלית פון אנצופילן אסאך א שטערקערע תכלית, א גומא פאר די עפר איז דיין אייגענע פרטיות'דיגע צורך, און א גומא וואס מ'פילט נאכדעם אָן איז א תיקון פאר די בריאה פאר די מענטשהייט, אנצופילען מיט זרעים, ממילא איז דאס די עיקר תכלית וואס ס'דארף זיין.

## ◆ מהלך ודרך לתיקון

שטייט אז נח האט מחדש געווען די 'מחרישה', פארדעם האט מען נישט געהאט קיין גוטע וועג פאר 'חרישה', און פון נח'ס צייטן און ווייטער איז די וועלט געווארן מסודר מיט א גוטע 'מחרישה'. ענדליך צו דעם איז געווען מיט אלע מלאכות, קיינער פון די מלאכות זענען נישט געווען גלייך ביי ששת ימי בראשית, אפילו פייער איז נישט געווען גלייך פון אנפאנג, ערשט מוצאי שבת האט אדם הראשון מחדש געווען אזא זאך ווי פייער. און במשך הדורות האט די מענטשהייט מוסיף און מחדש געווען פארשידענע חשובע 'פאטענטען', פארשידענע חשובע כלים, וואס מחמת זייערע חשובות און תועלת פאר די מענטשהייט זענען אריין אין די סדר העולם וויאזוי צו טון מלאכות. און דאס איז וואס לייגט עס אריין אין די גדר פון 'מלאכה', דאס אז זיי זענען געווארן די חשובע וועג ממלא צו זיין די חסרונות פון די מענטשהייט.

די מדקדקים (ידיעות שלמה מר' שלמה פאפנהיים חוברת ו יריעה ב) זאגען אז די עיקר שורש פון די ווארט 'מלאכה' איז 'לך', א לשון פון 'הליכה', 'מלאכה' מיינט א 'דרך', א מהלך און א הליכה פאר די מענטשהייט צו טוישן מיט זיינע פעולות די מהות פון די בריאה, דער מענטש קומט מיט זיין 'כח התנועה' און ער ריקט רויע מאטריאל צו פרישע דרגות, ער ריקט זאכן פון די דרגא פון 'חומר' (מאטריאל) צו די דרגא פון 'צורה', אז ס'זאל זיין פונקטליך צוגעפאסט במדה ובמשקל צו די מענטשהייט, אז ס'זאל פונקטליך ממלא זיין די חסרונות בני אדם.

א יוד האט געזאגט א שיינע סימן, 'מלאכה' איז די אותיות מלא'כה, די תכלית פון 'מלאכות' איז צו 'ממלא' זיין די חסרונות פון די מענטשהייט, דער מענטשהייט האט זיינע כללות'דיגע חסרונות, ס'פעלט פאר די מענטשהייט עסן, בגדים, צרכי דירה, און די 'מלאכות' קומען ממלא זיין די דאזיגע זאכן, די מלאכות פון 'סידורא דפת', 'סידורא דבגדים', 'סידורא דקלף וכתיבה', בונה ומכה בפטיש, מבעיר און הוצאה, דאס איז די תכלית פון די 'מלאכות', ממלא צו זיין די חסרונות הכלליים פון די בריאה.

און וועגען דעם גייט די משנה דוקא אויף די סדר פון 'סידורא דפת', 'תנא סידורא דפת נקט', ער כאפט נישט אויף די סדר פון די סממנים אין משכן, ווייל ער וויל גיין אויף די פשוטע סדר פון די מלאכות וואס זיי זענען ממלא די צורך פון די מענטשהייט יום יום, בפרט די צורך פון 'פת' וואס איז 'חיי נפש'. און דאס איז אויך די טעם וואס די משנה כאפט אָן ביי מלאכת צידה די משל פון 'צידת צבי' (סידורא ד'קלף וכתיבה') ווען אין משכן איז געווען די תחש אדער די חלזון, נישט קיין 'צבי', ווייל ער האט געוואלט אנכאפן די רגיל'דיגע משל אין די חיי יום יום, די 'צבי' איז געווען די מצוי'דיגע זאך צו פאנגען, די מצוי'דיגע זאך משלים צו זיין די צורך פון די מענטשהייט.

**◆ נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה ◆**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ג. +972-50-413-8477